# מענדעלע מוכר־ספֿרים

## מײַן (לעצטע) נסיעה

אין (1997) Abstracts of Khuylot 4, וואָס האָט זיך באַוויזן אין The Mendele Review 1.010, זײַנען דאָ צוויי אַבסטראַקטן מיט אַ שײַכות צו מענדעלע מוכר־ספֿרימס אַ רעלאַטיוו נישט־באַוווסטער דערציילונג. מע האָט אונדז געבעטן מיר זאָלן אָנגעבן דעם טעקסט פֿון דער דערציילונג אַזוי ווי זי איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין ״חוליות״ 4 [זומער 1997], וואָס איז אַליין אַ רעפּראָדוקציע פֿון דער ווערסיע אין ״שטערן״. דער סאָוועטישער זשורנאַל האָט געפֿאָלגט דעם אָריגינעלן מאַנוסקריפּט (חוץ דעם, וואָס ער האָט זיך באַנוצט מיטן סאָוועטישן אויסלייג) וואָס האָט זיך דעמאָלט געפֿונען אין מענדעלע־מוזיי אין אַדעס, נאָר וואָס איז זינט דעמאָלט פֿאַרפֿאַלן געגאַנגען אין אַ שׂריפֿה וואָס האָט פֿאַרברענט דעם מוזיי מיטן כּתבֿ־יד אין איינעם. ״חוליות״ האָט אָפּגעדרוקט אַבסטראַקטן אויף ענגליש און ייִדיש פֿון דער דערציילונג און פֿון אהרן וואָראָבייטשיקס אַרטיקל וואָס לייגט פֿיר אַ סמיכות צו מענדעלעס ״די קליאַטשע״, און ער פּרעזענטירט דערצו דעם טעקסט גופֿא לויטן איינהייטלעכן ייִדישן אויסלייג, מיט נומערירטע פּאַראַגראַפֿן כּדי מע זאָל זיך קענען גרינג פֿאַררופֿן דערויף. מיר דאַנקען האַרציק די רעדאַקציע פֿון ״חוליות״ וואָס האָט געגעבן איר רשות איבערצודרוקן די דאָזיקע זײַטלעך פֿון זשורנאַל.

אַ) אַבסטראַקט: ״מײַן (לעצטע) נסיעה״ דאָס איז משמעות איינער פֿון די סאַמע לעצטע טעקסטן, וואָס זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן פֿון מענדעלעס גניזה. דאָ האַנדלט זיך וועגן מענדעלע דעם מוכר־ספֿרים, בשעת ער איז אין קלעם, ממש אײַנגעטונקט אין דאגות פּרנסה. ווו נעמט מען אויף הוצאות? בלײַבט, נעבעך, צו פֿאַרקויפֿן זײַן פֿערדל, זײַן הונגעריקן, אויסגעמאָרעטן מיטגייער. נאָר ווען ער באַגעגנט זיך אויפֿן מאַרק מיט די גראָבע רייד פֿון די פֿערד־הענדלער — ציט ער זיך צוריק, און ווערט פֿול מיט חרטה און רחמנות פֿאַר זײַן קוים זשיפּעדיקן פֿיר־פֿיסיקן חבֿר. איבערגעדרוקט פֿון מינסקער ״שטערן״ (10 יולי 1939, 4-1).

ב) אַבסטראַקט: אהרן וואָראָבייטשיק, ״פֿון מענדעלע מוכר־ספֿרימס לאַבאָראַטאָריע״

אהרן וואָראָבייטשיק (1941-1895), וועלכער האָט געאַרבעט אין אַלוקראַיִנישער מוזיי פֿאַר ייִדישער קולטור אויף מענדעלעס נאָמען אין אַדעס, און איז געווען דער רעדאַקטאָר פֿונעם זאַמלבוך ״מענדעלע און זײַן צײַט״ (1939), איז געוויס געווען אַ באָקע אין מענדעלעס כּתבֿ־יאַדן. ווײַל ער טאַקע אין זײַן קליינעם עסיי געבן דעם לייענער אַן אָנצוהערעניש וועגן די מעגלעכע פֿאַרבינדונגען צווישן דער נאָוועלע ׳מײַן (לעצטע) נסיעה׳ און מענדעלעס ווײַטערדיקע פּלענער און ווערק. דער עיקר האַלט ער פֿון אַ סמיכות צווישן דער אָ נאָוועלע און מענדעלעס באַרימטע ׳די קליאַטשע׳.

## מײַן (לעצטע) נסיעה(*)

1. דעם צווייטן אלול, פֿאַר אַ יאָרן, תּרכּט [1869](1), האָב איך מיך מיט מײַן בײַדל ספֿרים אַרײַנגעפּעקלט אין קיִעוו. איך זאָג אַרײַנגעפּעקלט, מחמת, ווי איר ווייסט, איז אַ ייִד אין קיִעוו טריפֿע סחורה. ער טאָר זיך דאָרט ניט געפֿינען, סײַדן מיט אַ בלאָמב(2), דאָס הייסט, אַז ער צאָלט פּאָשלינע(3) און נעמט אַ קופּעטשעסטוואָ(4). ווי עס האָט אַ פּנים, טאָרן קיין ייִדן דאָרט ניט זיצן, ניט ווײַל מע האַלט זיי פֿאַר אומערלעכע, גראָבע, אומגעבילדעטע מענטשן, וואָרעם ראשית, אַזוי פֿײַן, אַזוי ערלעך זײַנען זיי דאָך, לכל הפּחות, ווי ציגײַנער. פֿאַר וואָס זשע גייען אַרום דאָרטן ציגײַנער מיט נאָך אַנדערע שלעק פֿראַנק און פֿרײַ? צווייטנס, וואָס איז קופּעטשעסטוואָ פֿאַר אַ סימן פֿון ערלעכקייט? מע קען זײַן אַ קופּעץ און פֿאָרט אַ גרויסער מאָשענעק(5). דריטנס, וואָלטן דאָך דאָרטן געמעגט זיצן די, וואָס האָבן אַ מאָל געלערנט אין שקאָלעס, אין ראַבינער־שולן, אויך מחברים און נאָך אַזעלכע, וואָס זײַנען זייער פֿײַנע געלערנטע מענטשן, כאָטשע־נעבעך, זיי האָבן ניט קיין געלט צו צאָלן גילדע(6). וואָס דען זשע איז דער אמתער טעם? דאָס, זײַט מוחל, גייט פֿרעגן אַנדערע, קליגער, פֿאַרשטענדעריקע פֿון מיר. איך בין ניט אויסן זיך דאָ אַרײַנצולאָזן אין חקירות און גיין אין הויכע דרכים, פֿאַרקריכן ביז דעם אלף השישי... און איבעריקנס, וואָס מאַכט עס אויס, געלויבט איז השם יתברך, ייִדן זיצן דאָך פֿאָרט אין קיִעוו. דאָרטן געפֿינט זיך הײַנט, אָן נעהאָרע, אַ גרויסע עדה ייִדן, זאָלן זיך מערן. זיי האָבן שוין, דאַנקען גאָט, אַ טאַקסי מיט נאָך אַזעלכע גוטע תּקנות, באַלד אפֿשר אַזוי, ווי אין גלופּסק. עס קאָסט אַ מאָל אַ קערבל, נו, מילא, כע!...

2. מײַנע געשעפֿטן זײַנען אין קיִעוו ניט געגאַנגען אין בעסטן. דער פּדיון פֿאַר די ספֿרים איז געווען זייער ווייניק

און שטעכעווען האָט זיך ניט געמאַכט מיט וועמען. בכּלל איז מיר דאָס גאַנצע יאָר ניט געגאַנגען. עס איז געווען אַ פֿינסטערער, אַ ביטערע יקרות. קיינעם איז ניט געלעגן אין קאָפּ אויסצוגעבן געלט אויף ספֿרים. מײַן הויפּט-האַנדל איז געווען שטענדיק, ווי דער שטייגער איז פֿון ייִדישע מוכרי-ספֿרים, היינו, גאָר תּחילות בין איך אַרויסגעפֿאָרן מיט טיקון-שבֿועותלעך, טיקון תּודהלעך, מיט עטלעכע מסכתּות "ביצא" וכדומה, האָב איך זיי אַרום ראש-חודש אָבֿ אויסגעביטן אויף קנאות, אויף תּחינות, אויף מסכתּא "גיטין" וכדומה. דערנאָך האָב איך די מינים ווידער אויסגעביטן אויף לוחות, אויף "תּיקוני-זוהר," אויף סליחות, אויף מחזורים, מענה-לשונס און תּפֿילין-זעקעלעך. די דאָזיקע מינים ווידער האָב איך אָסיען-צײַט אויסגעביטן אויף "גדלות-יוספֿס," אויף גרינע שאַלן, בראָדער געאַרבעטע לײַבלעך, ברעסלעווער זאָקן און אויף דובראָוונער טליתים, וכדומה. נאָך דעם האָב איך ווײַטער די זאַכן געביטן אויף בלעך, אויף מעש און קופּערוואַרג. קורץ, איך האָב געאַרבעט, געמאַכט געשעפֿטן, אָפּט זייער גוטע, גילדענע געשעפֿטן, כ'האָב איבערגעהאַנדלט מיט אַ וועלט, און נאָך אַלע זאַכן איז בײַ מיר אין קעשענע געווען פּוסט. איך ווייס ניט, אפֿשר גייט עס אין אַנדערע מסחרים אויך פּונקט אַזוי. אפֿשר, אַז מען זאָל זיך גוט צוקוקן, גייט עס אַזוי מיט אַלע בריאות און גאָלדשפּינערס. נאָר איך בין דאָס ניט אויסן.

3. איך בין אַרומגעגאַנגען אין איינע צרות. — וואָס טוט מען דאָ? — האָב איך געטראַכט. אויף דער סטאַנציע קומט; מײַן ווײַב שרײַבט מיר, איך זאָל למען השם קומען אַהיים; איך בין שוין צוויי יאָר נאַ-ונד אין דער פֿרעמד. זי שרײַבט געוואַלד, מען דאַרף דעם עלטערן זון חתונה מאַכן, עד מתי וועט ער זיצן אַ בחור? נאָך אים זיצט אַ בתולה אַ כּלה, דער מחותּן פּיקט אין קאָפּ אַרײַן מע זאָל שוין חתונה מאַכן. דער חתן קען מער ניט זיצן. נאָך איר איז פֿאַראַנען נאָך אַ בתולה, און מע מוז זי אויך פֿאַרקנסן, שדחנים שלאָגן אָפּ דאָס שוועל. דערצו נאָך האָבן זיך נאָך בײַ מיר צעריסן די שטיוול, קריכנדיק אויף די קיִעווער בערג. הכּלל עס איז מיר געווען גאָר ניט פֿריילעך.

4. ליגנדיק בײַנאַכט אויפֿן געלעגער, איז בײַ מיר געבליבן איך זאָל פֿאַרקויפֿן מײַן פֿערדל. איין מאָל, וועל איך עס פֿאַרשפּאָרן צו האָדעווען, און צווייטנס, וועט נאָר דאָס געלט וואָס איך וועל פֿאַר אים נעמען, צו נוץ קומען אויף הוצאות אַהיים. אַוודאי האָט מיר שטאַרק באַנג געטאָן זיך צעשיידן מיט מײַן פֿערדל, וואָס עס איז שוין בײַ מיר אַזוי פֿיל יאָרן. שוין גאַנץ לאַנג, אַז איך האָב עס געקויפֿט, אַקוראַט אין דעם יאָר, וואָס איך בין אַראָפּ פֿון קעסט, און מײַן ווײַב איז געלעגן געוואָרן מיט אַ פֿינפֿט מיידל עליה-השלום. איך האָב עס גענומען אין שטעך פֿאַר רומל און אַלט מעש, און פֿון יענער צײַט אָן האָב איך מיט אים געמאַכט אַלע מײַנע נסיעות און אויסגעפֿאָרן אַ וועלט. אַוודאי איז מיר ניט ניחא געווען זיך צו שיידן אויף דער עלטער מיט אַזאַ געזעלן, וואָס איז תּמיד געווען אַזוי געטרײַ, וואָס האָט מיר ניט פֿון איין בלאָטע אַרויסגעפֿירט און געליטן, פֿאַרשוואַרצט געוואָרן מיט מיר אינאיינעם. נאָר וואָס האָב איך געקענט בעסער מאַכן? וואָס טוט דען אַ מענטש ניט פֿון זײַן געזונט וועגן? וויפֿל פֿרײַנד, וויפֿל געטרײַע, גוטע פֿרײַנד, פֿאַרקויפֿט מען דען ניט פֿון פּרנסה וועגן? וואָס זאָג איך פּרנסה קען דען ניט איטלעכער פֿון אונדז אַזעלכע מענטשן, אי רײַכע, אי געבילדעטע, וואָס פֿאַרקויפֿן זייערע האַרץ-פֿרײַנד טאַקע גאָר פֿאַר אַ קליינינקייט, פֿאַר אַ חניפֿה, פֿאַר אַ קערבל. אָדער פֿאַר אַ גוטן מיטאָג? ניט דאָס אָבער בין איך אויסן.

5. דער ערשטער מענטש, וואָס האָט מיר אין דער פֿרי אָפּגעגעבן אַ גוט-מאָרגן בײַ מיר אויף דער סטאַנציע, איז געווען די באַלעבאָסטע.

6. — גוט מאָרגן, רב מענדעלע — האָט זי געזאָגט מיט אַ חן — נעמט ניט פֿאַר אומגוט, וואָס איך בעזפּאָקויע(7) אײַך גאַנץ פֿרי, טאָמער קענט איר מיר געבן עטלעכע קערבלעך, איך וויל גיין עפּעס אײַנהאַנדלען אויף יום-טובֿ, הײַנט איז אַ מאַרק-טאָג, אפֿשר וועט מיר דער רבונו-של-עולם באַשערן אַ מציאה. איך בין דאָך אַן אָרעם מענטש, אַ וויסטע אַלמנה מיט קליינע קינדער.

7. — הײַנט איז אַ מאַרק-טאָג — האָב איך מיר אָנגערופֿן זייער צעמישט — נו, עלקע, הײַנט וועל איך אײַך געבן, הײַנט.

8. די באַלעבאָסטע האָט געמאַכט אַ קרום פּנים און איז אַרויסגעגאַנגען. מיר איז געוואָרן זייער פּאַסקודנע(8) אויפֿן האַרצן, מײַן גאַנצע האָפֿענונג איז איצט געווען דאָס פֿערדל.

9. נאָר איין גאָט ווייס, ווי ס'איז מיר געווען אויף דעם האַרצן בשעת איך בין אַרײַנגעגאַנגען אין שטאָל. מײַן פֿערדל, נעבעך, איז געלעגן אײַנגעהויקערט אין צענטן, עס האָט געסאָפּעט, געקרעכצט און שטאַרק געמאַכט מיט די זײַטן. לעבן אים איז ניט געווען אפֿילו קיין איין היי, פֿון האָבער האָט מען שוין גאָרניט צו שמועסן, זײַט עטלעכע טעג האָט דער שלימזלניק עס אפֿילו אין די אויגן ניט אָנגעקוקט, חוץ אַ ביסל סיטשקע. אַז איך בין צו אים צוגעגאַנגען נעענטער, האָט ער זיך מיט צרות געשטעלט, זיך אויסגעצויגן אויסצוגלײַכן די אַלטע ביינער, האָט אויפֿגעשטעלט זײַנע אויערן און אויסגעשטרעקט דעם האַלדז צו מיר מיט "וואָס דו ווילסט. איך וועל דיר שלעפּן מיט דײַנע ספֿרים כּל זמן עס

שלאָגט זיך נאָך אין מיר אַן אָדער." איך האָב אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און האָב מיך געשעמט קוקן מייַן פֿערדל אין פּנים, גלייַך ווי איך בין באַגאַנגען אַ פֿאַרברעכן. אַך, האָב איך אַ קרעכץ געטאָן און האָב עס אָנגענומען פֿאַר דעם פּאָוועד(9) און אים אַרויסגעפֿירט אויף דער גאַס.

10. איך האָב מיט מייַן פֿערדל אַרומגעפֿירט הין און צוריק לעבן די ליוועראַנטן. איינער איז צו מיר צוגעגאַנגען, ער האָט אַ ווייַז געטאָן מיטן פֿינגער אויף דעם פֿערדל און מיר געפֿרעגט מיט אַ שמייכעלע:

11. — פֿעטער, איר ווילט דאָס פֿאַרקויפֿן?

12. יאָ — האָב איך געענטפֿערט — איר ווילט דאָס קויפֿן?

13. — וואָס טויג מיר אַזאַ פּגירה — האָט ער זיך אָנגערופֿן מיט אַ געלעכטער — איר זאָלט עס מיט שענקן, פֿעטער, וועל איך עס ניט נעמען.

14. נאָך עטלעכע זייַנען צוגעגאַנגען, האָבן באַטראַכט מייַן פֿערדל מיט אַ געלעכטער און זייַנען אַוועקגעגאַנגען, ניט צו רעדן מיט מיר אפֿילו אַ וואָרט. צום סוף איז נאָך איינער צוגעגאַנגען צו מיר און האָט פּראָסט אַ זאָג געטאָן:

15. אַ פֿערציקער אפֿשר וועל איך אייַך געבן פֿאַר אייַער דרינדע. וואָס קען דען ווערט זייַן אין גאַנצן זייַן פֿעל? עס איז דורכצעביסן, דאָס ווײדל אויסגעקראָכן, אפֿילו פּאָדקאָוועס, מישטיינס געזאָגט, וועל איך פֿון אים ניט קענען אַראָפּנעמען. נו, ווילט איר? — האָט ער זיך נאָך אַ מאָל אָנגערופֿן צו מיר — זאָגט, וואָס שווייַגט איר, פֿעטער?

16. אַזעלכע בזיונות, מיט אַזעלכע רייד האָב איך שוין ניט געקענט אויסשטיין. ס'טייַטש, פֿאַרקויפֿן מייַן פֿערדל פֿאַר אַ שפּאָט-געלט מע זאָל אים הרגענען און אַראָפּציִען דאָס פֿעל? מייַן פֿערדל, וואָס האָט מיר געדינט, און בייַ מיר געבידעוועט אַזוי לאַנג געטרייַ, וואָס בייַ אַ שלעכטער צייַט פֿלעג איך אים ניט איין מאָל זאָגן, ער זאָל זוכן אַ היי אין סידור, וואָס ניט איין מאָל פֿלעגט ער אָננעמען פֿאַר ליב אַ טאָרבע מיט דאַרע שטיקלעך ברויט, וואָס איך פֿלעג אָפּקויפֿן אויף דעם וועג בייַ אָרעמע לייַט, וואָס האָט אָנגעווירן בייַ מיר זייַן געזונט, זייַן לייַב און לעבן און אַ מאָל אַנידערגעלייגט זייַן ווײדל, נעבעך, בייַ די גלופּסקער ווייַסע חבֿרה?

17. ניין, ניין, האָב איך געזאָגט, אַזוי שלעכט אַקעגן אים וועל איך ניט זייַן. איך וועל עס ניט פֿאַרקויפֿן. עס מעג זיך זייַן מיט מיר וואָס עס וויל זיך. און באַלד טאַקע האָב איך עס גענומען און געגאַנגען צוריק אויף דער סטאַנציע.

—

הערות [פֿון שלום לוריִאַ]

*. איבערגעדרוקט לויטן נוסח פֿון מינסקער "שטערן" (10 יולי 1939, ז' 4-1). דאָרט גופֿא ווערט פֿאַרצייכנט אַז דאָס איז געווען אַ כּתבֿ-יד, וועלכער האָט זיך געפֿונען אין אַלוקראַיִנישער מוזיי פֿאַר ייִדישער קולטור אויף מענדעלעס נאָמען, אין אָדעס. דער מוזיי איז, לײַדער, צערויבט און פֿאַרברענט געוואָרן בשעת דער דייַטשער אָקופּאַציע אין משך פֿון דער צווייטער וועלט מלחמה.

1. ב' אלול תּרכט: משמעות זומער 1869.

2. בלאָמב: אַ פּלאָמבע, געמיינט, משמעות, אַ דערלויבעניש געחתמעט מיט אַ פּלאָמבע.

3. פּאַשלינע: אַן אָפּצאָל, אַ שטייַער.

4. קופּעטשעסטוואָ: אַ חזקה צו פֿירן אַ מסחר.

5. מאָשעניק: שווינדלער, דרייער, אָפּנאַרער.

6. גילדע: שטײַער פֿון פּראָפֿעסיאָנעלע בעל-מלאכהס און סוחרים; אַן אָפּצאָלדער בראַנזשע.

7. בעזפּאָקויען: מטריח זײַן, מדריך-מנוחה זײַן.

8. פּאַסקודנע: מיאוס, שלעכט.

9. פּאָוועד: פֿון רוסיש: פּאָוואָד מיינט 'לייצע'.